# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

### פרשת במדבר תשפ"ד לפ"ק

**במסיבת חומש סעודה לילדי התלמוד תורה בוויליאמסבורג**

יום א' פרשת במדבר תשפ"ד לפ"ק

**איך** וויל באגריסן די חשובע עלטערן, עס זיצן דא ב"ה טאטעס, זיידעס, עלטער-זיידעס, וואס זעהן ווי אזוי עס ציהט זיך די המשך הדורות, לא ימושו מפיך, ומפי זרעך, ומפי זרע זרעך. וויפיל שבח והודאה דארף מען געבן פארן אייבערשטען, וואס נאך אזויפיל יארן וואס מען איז דא אין אמעריקא, און מען זעהט ב"ה אז די דורות ציען זיך ווייטער, מען ווערט נישט פארפאלן אין דעם גלות וואו מען איז, מען טוט ווייטער ערציען ערליכע יודישע קינדער על דרך ישראל סבא, דאס איז די גרעסטע שמחה וואס דארף זיין ביי עלטערן, אז מען איז זוכה דאס צו דערלעבן. - איך וויל וואונטשן א מזל טוב פאר מיין חשובן מחותן, דער רב פון שומרי שבת, אונז זאל מיר אינאיינעם זעהן נחת ביי אונזערע אייניקלעך. און פאר דעם בראשוב'ער רב, און דעם פרעשבורגער רב, זאלן זעהן שמחות און נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות.

**דוד** המלך זאגט (תהלים קיא-י), ראשית חכמה יראת ה', שכל טוב לכל עושיהם, תהלתו עומדת לעד. עברי מיט טייטש, ראשית חכמה, דער אנהייב פון חכמה, בעפאר מען גייט צו, צו חכמה, דארף זיין יראת ה'. בעפאר מען גייט צו צום לערנען, דארף זיין ערליכקייט און יראת ה'. דאס איז דער ראשית פארן חכמה. שכל טוב לכל עושיהם, קלוג איז דער וואס טוט אזוי, אז בעפאר מען גייט צו צו תורה, איז ער מקדים קודם יראת שמים. ווייל די משנה (אבות ג-ט) זאגט, ווען עס איז יראת חטאו קודמת לחכמתו, איז חכמתו מתקיימת, טאמער פעלט יראת חטא פאר תורה, איז אין חכמתו מתקיימת, האלט זיך נישט די תורה. ווען עס איז ראשית חכמה יראת ה', ווען עס איז דא יראת חטא פאר דעם, תהלתו, איז די לויב פון דעם מענטש וואס איז צוגעקומען צו חכמה, עומדת לעד, דאס איז חכמתו מתקיימת, ווערט זיך עס האלטן שפעטער.

**לענינינו** קען זיין א כוונה אין ראשית חכמה יראת ה'. מען ווייסט אז עס שטייט אין תוספות (חגיגה טו. ד"ה שובו), אז רבי מאיר האט געהאט א רבי, אלישע בן אבויה. דער אלישע בן אבויה איז געווען פון די גרעסטע חכמי ישראל בימיו, און שפעטער איז ער יצא לתרבות רעה. [כמעט פון די איינציגסטע תנאים

על הטוב יזכר
ידידינו מוה"ר **אפרים שמואל הערשקא** הי"ו
אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים
לברכה והצלחה בכל ענינים

וואס מען געפונט אז זיי זענען שפעטער ארויסגעגאנגען לתרבות רעה]. און מען האט אים אפילו נישט געוואלט רופןביים נאמען, מען האט אים גערופן אחר. מען האט געהערט א בת קול פון הימל, שובו בנים שובבים חוץ מאחר. און דער אלישע בן אבויה האט געזאגט, וואס איז די סיבה אז ער איז נחמץ געווארן שפעטער? האט ער פארציילט, אז זיין טאטע אבויה איז געווען א גרויסער מענטש, און ביי זיין ברית זענען זיך צוזאמגעקומען אלע גדולי ישראל וואס זענען געווען אין די געגנט, מען האט געמאכט א גרויסע סעודה, און רבי אליעזר מיט רבי יהושע זענען אויך געקומען מיטהאלטן די שמחה פון זיין ברית.

**ווילאנג** מען האט געגעסן און מען האט געטרינקען, האט רבי אליעזר געזאגט צו רבי יהושע, וואס זאלן מיר דא פארברענגען צייט, לאמיר ארייננגיין אין א צימער, לאמיר זיך זעצן לערנען. און זיי זענען ארייננגעגאנגען אין א צימער, זיי האבן געלערנט, און עס איז געווען אזוי גרויס די קדושה פון זייער תורה, אז עס איז געווארן א פייער אין שטוב. און מען איז געקומען זאגן פאר דעם אבויה, אז עס ברענט א פייער. איז ער געגאנגען קוקן וואס עס טוט זיך דארט, זעהט ער ווי רבי אליעזר מיט רבי יהושע זיצן און לערנען, און ער פרעגט זיי, עטץ זענטס געקומען אהער פארברענגען מיין הויז? האבן זיי געזאגט ניין, דאס איז נישט אזא פייער וואס פארברענט הייזער, אונז האב מיר געלערנט תורה, און עס איז געווען שמחים הדברים כנתינתן בסיני, ולא באש נתנו? האט מען דען נישט געגעבן די תורה מיט פייער? מיר לערנען אזוי תורה אזוי ווי דער אייבערשטער האט עס געגעבן ביים בארג סיני, און דאס איז געווען דער פייער.

**האט** אבויה געזאגט, אם כך גדול כחה של תורה, אזוי גרויס איז דער כח פון תורה, אז מען קען לערנען תורה, און ממשיך זיין א פייער פון כנתינתן מסיני?! ווען דאס קינד וועט גרויס ווערן, גיי איך אים איבערגעבן פאר תורה. און דאס וואס ער האט געזאגט אז ער גייט אוועקגעבן זיין קינד פאר תורה, ווייל ער האט געזעהן די חשיבות פון תורה, וואס תורה קען צוברענגען אז עס זאל זיין אש כנתינתן מסיני, איז געווען א פגם. עס איז נישט געווען הונדערט פראצענט לשם שמים, ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן מען דארף לערנען תורה. אפילו עס זאל נישט זיין קיין פייער, דארף מען אויך אוועקגעבן א קינד פאר תורה. האט אבויה געזאגט, אז וויבאלד דער אנהייב, דאס צוזאגן אים צו געבן צו תורה, איז געקומען מיט א זייטיגע פניה, אז אם כך גדול כחה של תורה, האט זיך עס נישט געהאלטן שפעטער.

**און** ער האט געזאגט, אז דאס איז דער פשט אין פסוק (קהלת ז-ח) טוב אחרית דבר מראשיתו, דער אחרית דבר איז בעסער פון דעם ראשית. האט ער געטייטשט, טוב אחרית דבר, ווען איז גוט דער סוף, מראשיתו, עס ווענדט זיך ווי אזוי דער ראשית איז געווען. אויב אין דעם ראשית איז דא א פגם, דעמאלטס וועט דער אחרית דבר אויך נישט זיין גוט. ווען איז גוט דער אחרית דבר, מראשיתו, פונעם ראשית. און וויבאלד ביי זיין ראשית האט געפעלט עפעס, איז ער נישט אויסגעוואקסן וואס ער האט געדארפט, ער איז יצא לתרבות רעה.

**און** בדרך רמז, דער ווארט 'טמא', וואס שפעטער איז דאך דער אלישע בן אבויה, אחר, אוועקגעגאנגען פון קדושה, איז די ראשי תיבות ט'וב א'חרית מ'ראשיתו. דער אחרית דבר איז נאר גוט, מראשיתו. אבער טאמער עס פעלט דער ראשית, טמא, דעמאלטס שטייגט מען נישט אויס ווי עס דארף צו זיין.

**און** עס איז א מוסר השכל, איך מיין אז יעדער פון אונז, ווען עס זאל זיין א ברית, און מיר זעהן חכמי ישראל זיצן אין א שטוב און מען לערנט, און עס איז דא א פייער, וואלטן מיר אויך געזאגט די זעלבע, אם כך גדול כחה של תורה, בין איך מקדיש מיין קינד פאר תורה. און עס איז א פגם. און ער האט געזאגט, אז דער פגם האט אראפגעברענגט זיין קינד, אז ער איז נישט אויסגעוואקסן ווי עס דארף צו זיין. וויפיל מענטשן זענען דא וואס זיי זעהן כחה של תורה, און זיי מאכן זיך גארנישט וויסנדיג. ניטאמאל דאס העלפט פאר זיי אז זיי זאלן אוועקגעבן די קינדער פאר תורה, און דא רעדט מען שוין, ווען ער איז גרייט אוועקצוגעבן זיין קינד פאר תורה, ווייל ער זעהט די גרויסקייט פון תורה, אבער אויב דו האסט א פניה, דו האסט נישט געמיינט תורה ערליך, דו האסט געמיינט דעם כבוד פון תורה, די שיינקייט פון תורה, האט עס געהאט א פגם.

**ווען** עס איז ראשית חכמה, ווען דער אנהייב פון חכמה, איז יראת ה', עס איז נאר פאר יראת ה', תהלתו

עומדת לעד, דאס וועט בלייבן שפעטער. טאמער דער ראשית פון דעם חכמה, מען לערנט טאקע, עס איז דא חכמה, אבער דער ראשית האט זיך נישט אנגעהויבן פון יראת ה', איז נישט דא קיין תהלתו עומדת לעד, בלייבט עס נישט אויף שטענדיג.

**מען** הייבט אן מיט קליינע קינדער, מען לערנט פרשת ויקרא, ווי מען האט פריער געהערט, יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, זיי זענען ריין, און זיי ווארטן אז מען זאל זיי ערציען ערליך, זיי זאלן קענען אויסוואקסן תלמידי חכמים, זיי זענען משתוקק אויף דעם. אבער עס איז דא צו דעם א תנאי, עס מוז זיין יראת ה', דאס דארף זיין דער ראשית פון חכמה. מען קען נישט צוגיין צו תורה, ווען עס פעלט יראת ה'.

**תורה** לערנט די חדר, יראת ה' לערנט די שטוב. יודישקייט, דאס קומט פון טאטע מאמע. תורה, אויסלערנען חומש גמרא מיט תוספות, דאס גיט די תלמוד תורה, דאס גיט די ישיבה. היינט, ליידער, דארף די תלמוד תורה אויך געבן דעם יראת ה', ווייל עלטערן באפאסן זיך נישט גענוג, וויפיל מען דארף צו געבן. אבער עס דארף נישט זיין אזוי. עס דערקענט זיך אויף יעדן קינד, אויף זיין יראת ה', פון וואס פאר א שטוב ער קומט. דאס ברענגט אריין דאס ערליכקייט, תורה איז נאר אן הוספה. ווען עס איז דא דער ראשית חכמה, עס איז דא דער יראת ה', דעמאלטס איז דא תהלתו עומדת לעד, בלייבט די תורה אויף אייביג.

**אהבת** תורה, דאס ווענדט זיך אין טאטע מאמע, וואס פאר א ליבשאפט מען גיט אריין אין א קינד צו תורה, מען איז מחשיב תורה. אמאל ווען מען האט איינגעוואוגט א קינד איז דאס געווען, ווי זיס די תורה איז, און מען האט ארויסגעברענגט די חשיבות פון תורה, אפילו די קינד האט נישט פארשטאנען וואס מען רעדט, האט מען געוואוגט א קינד מיט אהבת תורה.

**אבער** על כל פנים, ווען עס קומט א שבת, דאס איז די איינציגסטע צייט וואס מען זיצט צוזאמען. די קינדער זענען נאך גאנץ קליינע קינדער, אבער מען ווערט דאך עלטער, מען דארף אריינגעבן ווארימקייט אין קינדער. מען דארף אליין האבן קודם די ווארימקייט אין זיך, און נאכדעם קען מען עס געבן פאר די קינדער. מען לעבט אין א דור וואס די השחתה פון די היינטיגע כלים איז דאך אויסערגעוועונליך, מען דארף עס נישט איבערגיין, יעדער איינער ווייסט. אז מען וויל מחנך זיין ערליכע קינדער, מוז זיין אן ערליכע שטוב. אז עס פעלט ראשית חכמה, עס פעלט דער ראשית, די יראת ה', די שטוב אטעמט נישט מיט יראת ה', קען נישט אויסוואקסן פון אזא שטוב א קינד ווי עס דארף צו זיין.

**א** קינד וואס ווערט נתחנך אין א שטוב וואס די אלע זאכן קומען נישט אריין, די שטוב איז הייליג, האט עס אין זיך א קדושה. סיי דאס קינד ווערט נתחנך ערליך, די לופט אין שטוב איז ערליך, איש ואשה שזכו שכינה ביניהם, אין יעדע שטוב איז דאך דא השראת השכינה ווילאנג מען פארטרייבט עס נישט. כי ה' אלקיך מתהלך בקרב מחנך, דער אייבערשטער געפונט זיך דארט בקרב מחנך, נאר ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך, אמאל איז דא וואס עס איז 'שב'. און וואס פאר א יראת ה' קען מען שוין אריינגעבן אין א שטוב, ווען עס פעלט דארט אליין די השראת השכינה.

**מען** דארף שטענדיג געדענקען, אונזערע שטובער דארפן געבן דעם יראת ה' פארן קינד! דאס איז די ארבעט פון טאטע מאמע. אפילו ווען מען שיקט א קינד אין חדר, אבער דאס ערליכקייט, און ווארימקייט, דארפן טאטע מאמע אריין געבן אין די קינדער.

**ב"ה**, עס זיצן דא חשוב'ע עלטערן, עס איז שטובער וואס זענען מלא מיט אהבת תורה און יראת שמים, מען האט אויף וועם ארויפצוקוקן, אויף זיידעס און עלטער-זיידעס וואס פירן זייערע שטובער על דרך ישראל סבא. איז נאר דא אזויפיל צו וואונטשן אז דער אייבערשטער זאל געבן ווייטער אויך, מען זאל קענען זעהן ווי אזוי די פירות לייכטן. עס וועט אדורכגיין א פאר יאר, און מען וועט אנהייבן צו זעהן ווי אזוי די יראת ה' מיט די תורה וואס מען לערנט, ווי אזוי עס טוט באלייכטן די קינדער, דאס איז די גרעסטע נחת וואס עלטערן קענען האבן. זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל זעהן שמחות און נחת ביי די קינדער, און ביי אלע קינדער און אייניקלעך און אור-אייניקלעך, מתוך שמחה וטוב לבב. מען זאל זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## ביקור של הגה"צ רבי חיים יוסף פריעדמאן שליט"א אב"ד ברעזשאן, לרגל נישואי בנו עב"ג בת הרה"ג רבי חיים מאיר האגער שליט"א בן כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א

יום א' פרשת במדבר תשפ"ד לפ"ק

**אב"ד ברעזאן:** מען ציילט דאך יעצט אין די וואכן, מתוך חיבתן לפניו, מונה אותם כל שעה (רש"י במדבר א-א). מען האלט שוין נענטער, יום חתונתו (שיר ג-יא), זו מתן תורה (תענית כו:). איך מאך אי"ה חתונה א קינד, אבער עס איז דא א גרויסע חתונה פאר דעם. יום חתונתו, זו מתן תורה.

**רבינו:** דער **ברך משה זכרונו לברכה** פלעג צו זאגן, אז די רשעים אין לאגער האבן אונז זייער ליב געהאט, מען האט געציילט אפעל יעדן טאג. זיי זענען געווען מונים בכל שעה, אז עס זאל נישט פעלן איינער. מתוך חיבתן מונה אותם כל שעה...

**אב"ד ברעזאן:** איך האב געטראכט, די חשוב'סטע זאך ביי א מענטש איז די קינדער, וואס איז דער ענין אז מען טרעפט נישט קיין שום תפלה אין שמונה עשרה, וואס מען זאל בעטן אויף קינדער. עס איז באקאנט פון בעלזער רב אז מען דארף מתפלל זיין (בתפלת מודים) ביי לדור ודור נודה לך ונספר תהלתך.

איך האב געזעהן פון **זאלושיץ'ער רבי, רבי שם קלינגנבערג זצ"ל**, האט ער געזאגט, אז עס שטייט אין **שלחן ערוך** (או"ח סימן קיט), אז ביי שמע קולנו, איז א זמן וואס מען קען בעטן אלע בקשות. האט ער געזאגט, אז ביי ומלפניך מלכנו ריקם אל תשיבנו, דארט איז דער פלאץ וואס מען זאל בעטן אויף גוטע קינדער. אמור ואמרת, זאגט רש"י, להזהיר גדולים על קטנים. ואמרת איז די ר"ת ו'מלפניך מ'לכנו ר'יקם א'ל ת'שיבנו. זאגט ער, דא איז די פלאץ, להזהיר גדולים, פאר די טאטעס, על הקטנים, זאלן בעטן אויף די קינדער.

**רבינו:** א שיינער רמז.

**אב"ד ברעזאן:** למעשה דער **יערות דבש** (דרוש א') זאגט, אז מען זאל בעטן ביי אתה חונן. אבער איך זאג אלץ, יעדער איז פארנומען מיט די של"ה הק' פון ערב ראש חודש סיון. עס שטייט אין **עטרת זקנים** (הלכות ברכת השחר, או"ח סימן מ"ז) זייער א שטארקע לשון, ותמיד תהיה תפלת האב ואם שגורה בפיהם להתפלל על זרעם, דער טאטע מיט די מאמע זאלן שטענדיג מתפלל זיין אויף גוטע קינדער, שיהיו לומדי תורה וצדיקים ובעלי מדות. זאגט ער, ביי דריי פלעצער דארף מען מתפלל זיין, איינס ביי ברכת התורה, ביי ונהיה אנחנו וצאצאינו. א צווייטע פלאץ זאגט ער, מען זאל מתפלל זיין ביי אהבה רבה, ווען מען זאגט והאר עינינו, דארט זאל מען מתפלל זיין אויף די קינדער אז זיי זאלן זיין תלמידי חכמים צדיקים מיט מדות טובות. די דריטע פלאץ איז ביי ובא לציון, למען לא ניגע לריק ולא נלד לבהלה. על כל פנים עס איז דא דריי פלעצער וואס ער זאגט מען דארף מתפלל זיין אויף ערליכע קינדער. דער **משנה ברורה** (סימן מ"ז סק"י) ברענגט עס אראפ דארט להלכה, אז מען דארף מתפלל זיין.

**רבינו:** דאס מיינט א ברכה משולשת. א ברכה וואס מען בעהט דריי מאל אין טאג ביים דאווענען.

**אב"ד ברעזאן:** דער **משנה ברורה** (סימן קכ"ב סק"ח) ברענגט פון **חיי אדם**, אז פאר יהיו לרצון דארט איז א פלאץ וואס מען זאל מתפלל זיין אויף ערליכע קינדער, צדיקים, עובדי ה'. – על כל פנים איז דא א חשבון אז ביי די שמונה עשרה אליין איז דא פיר פלעצער ווי מתפלל צו זיין. ביי אתה חונן לויטן יערות דבש, און לויט דעם זאלושיץ'ער רבי ביי שמע קולנו, לויטן בעלזער רב ביי לדור ודור נספר תהלתיך, און לויט דעם חיי אדם ביי יהיו לרצון.

**רבינו:** דער עיקר עס זאל נתקבל ווערן די תפלות.

**אב"ד ברעזאן:** די חתונה איז אין ארץ ישראל, איך מאך אי"ה א פארשפיל די קומענדיגע וואך פרשת נשא. איך הער אז דער רב וועט זיין שבועות אין בארא פארק, אבער דער רב בלייבט נישט אויף שבת.

**רבינו:** אבער איך קען פון דא אויך אריינקומען...

**אב"ד ברעזאן:** וראה בטוב ירושלים, אונז זאל מיר אלע גיין קיין ארץ ישראל, דער **קדושת לוי** פלעגט שרייבן אין די הזמנה, די חתונה וועט זיין אין ירושלים, אויב נישט וועט עס זיין אין בארדיטשוב. דער מחותן זאגט אין אלעד, אדער אין בני ברק, איך האף אי"ה מען וועט זיין אין ירושלים.

**רבינו:** אונז אלע וועל מיר זיין דארט אי"ה. עס זאל זיין בשעה טובה ומצלחת, מיט אסאך ברכה און הצלחה אי"ה. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין, עס זאל זיין א בנין עדי עד.

**אב"ד ברעזאן:** אמן.

**אב"ד ברעזאן מסר לרבינו שליט"א את ספריו:** דאס האב איך געמאכט אויף שבועות, עס איז דא אין דעם אסאך גוטע זאכן.

**רבינו:** וואס איר גיט ארויס איז פיין, און צו די זאך.
**אב"ד ברעזאן:** די ספר זרעא חיא דאס איז מיינע זאכן, איך זאל זוכה זיין צו זרעא חיא. און דאס איז זאכן אויף שבועות, און נאכדעם איז דא, וואס איך האב צוזאמגענומען פארשידענע שיינע זאכן. איך ווייס נישט וועלכע דער רב האט?

**רבינו:** איך האב אסאך, און איך קוק אריין דערין אויך. איך וועל אייך אויך מכבד זיין מיט א ספר, אויף במדבר.
**אב"ד ברעזאן:** די וועלט זאגט, חבורה תחת חבורה...

**רבינו שליט"א האציל מברכותיו להחתן ונפרדו לשלום**

## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר יוסף פיליפ הי"ו

יום ב' פרשת במדבר תשפ"ד לפ"ק

**די** וואך אין די פרשה האט מען געציילט יודען, שאו את ראש כל עדת בני ישראל, למשפחותם לבית אבותם, במספר שמות (במדבר א-ב). ביי יודען ווייסט מען, חייב אדם לומר מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי (תנא דבי אליהו פרק כה), אלץ קוקט מען ארויף אויף די אבות וואס מען האט געהאט. און מען וואונטשט זיך, ווען וועלן מיר קענען צוקומען, צו דערגרייכן צו די מעשים פון אונזערע עלטערן. אין הייליגע ספרים שטייט, יגיעו איז נישט נאר טייטש דערגרייכן, יגיעו איז טייטש א נגיעה, מתי יגיעו, אפילו עס זאל נאר צורירן אונזערע מעשים צו די מעשים פון אונזערע עלטערן.

**יעקב** אבינו האט געבעטן, המלאך הגואל אותי מכל רע, יברך את הנערים, ויקרא בהם שמי ושם אבותי אברהם ויצחק (בראשית מח-טז), ווען מען וועט ערציען די קינדער, ויקרא בהם שמי, מען זאל שטענדיג געדענקען, איך בין א קינד פון יעקב, איך בין אן אייניקל פון יצחק, און פון אברהם אבינו. עס דארף זיין פאר די אויגן שטענדיג, פון וואס פאר א שטוב מען קומט. דאס העלפט אז מען זאל קענען שטייגן און גיין העכער למעלה ולמעלה.

**וועגן** דעם פירט זיך די וועלט, אז די קינדער וואס ווערן געבוירן, גיט מען א נאמען נאך די עלטערן, און די זיידעס, אז ווען מען וועט רופן דעם קינד ביי דעם נאמען, זאל מען אייביג געדענקען וואס פאר א טאטע מען האט געהאט, וואס פאר א זיידע מען האט געהאט, זיך אלץ דערמאנען צו קענען גיין אין זייערע דרכים.

**שאו** את ראש כל עדת בני ישראל, ווען דו ווילסט אויפהייבן די קעפ פון כלל ישראל, למשפחותם לבית אבותם, יעדע משפחה זאל געדענקען בית אבותם, געדענקען די שטוב פון וואו מען קומט, וואס די אבות זענען געווען. במספר שמות, ווען עס קומט צו געבן א נאמען פאר א קינד, געב א נאמען נאך א זיידן, וועט דאס קינד שטענדיג געדענקען, און דו וועסט געדענקען, פון וואס פאר א שטוב מען קומט, מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי.

## בדינער לטובת המוסדות בבארא פארק

יום ג' פרשת במדבר תשפ"ד לפ"ק

**איך** וויל באגריסן דעם חשובן ציבור וואס איז זיך צוזאמגעקומען פאר די החזקה פון די מוסדות דא אין בארא פארק. בראשית דברי וויל איך קודם זאגן, די געוואלדיגע תענוג און הנאה וואס איך האב געהאט פריער צו הערן די חשובע ווערטער פונעם נואם הכבוד [הרה"ג רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א, אב"ד ישמח משה], עס האט זיכער איבערגענומען יעדן איינעם, און אויף מיר פערזענליך האט עס אויך געמאכט א גרויסן רושם, די טייערע ווערטער וואס מען האט

ארויסגעברענגט. איך וויל אים צוריק וואונטשן, דער אייבערשטער זאל געבן ווייטער אויך, צו קענען רעדן צו יודישע קינדער, און אויפטון, להגדיל תורה ולהאדירה, בבריאת השלימות, מיט אלעם וואס קומט דערצו.

**מען** שטייט פאר מתן תורה, די גמרא (שבת פח.) זאגט, בריך רחמנא דיהב לן אוריין תליתאי, לעם תליתאי, על ידי תליתאי, ביום תליתאי, בירחא תליתאי. ער האט ארויסגעברענגט די חשיבות פון מתן תורה, אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א תורה וואס באשטייט פון דריי, פאר א פאלק וואס באשטייט פון דריי, דורך משה רבינו וואס איז געווען דער דריטער פון די קינדער, עס איז געווען דער דריטער חודש, חודש סיון. וואס מיינט אוריין תליתאי, און וואס מיינט עם תליתאי? רש״י טייטשט, אוריין תליתאי גייט ארויף אויף די תורה, ווייל אין די תורה איז דא דריי חלקים, תורה נביאים וכתובים, עס איז א תורה וואס באשטייט פון דריי. עם תליתאי, דאס גייט ארויף אויף כלל ישראל, וואס זיי זענען אויך צוזאמגעשטעלט פון כהנים לויים און ישראלים, יודען זענען איינגעטיילט אין דריי. – און אז מען וויל זאגן א מילתא דבדיחותא פאר מען זאגט א דבר תורה, יודען זענען אן עם תליתאי, ווייל זיי קענען 'דריי'ען. - וואס איז די נקודה וואס די תורה רופט אן, בריך רחמנא, אונז האב מיר מקבל געווען די תורה, וואס איז א אוריין תליתאי, און לעם תליתאי.

**אין** די גמרא (עירובין יג:) איז דא א מחלוקת וואס איז בעסער פארן מענטש, צו נוח לו לאדם שנברא, צו נוח לו לאדם שלא נברא. דער באשעפער האט אונז אראפגעשיקט אויף די וועלט, אונז זעמיר דא, צו עס וואלט געווען בעסער, ווען מען שפארט די גאנצע זאך, דער באשעפער זאל אונז אינגאנצען נישט באשאפן. עס איז געווען א מחלוקת צווישן די בית שמאי מיט די בית הלל, מען האט זיך געקריגט צוויי און א האלב יאר, נמנו וגמרו אז עס איז נוח לו לאדם שלא נברא משנברא. ועכשיו שנברא, יפשפש במעשיו. עס איז באקאנט וואס דער **מהרש״א** זאגט אויף דעם, אז יעדע געשעפט וואס א מענטש מאכט, מאכט ער א חשבון וויפיל פראצענט זענען די רווחים, און וואס זענען די אויסזיכטן אויף שאדן, און ער גייט נאר אריין אין א געשעפט, וואס איז קרוב לשכר און עס איז רחוק מהפסד. תורה לכאורה איז פארקערט, עס איז קרוב להפסד, די תורה איז איינגעטיילט אין רמ״ח מצות עשה און שס״ה לאוין, די לאוין אז מען איז עובר, איז דא דריי הונדערט פינעף און זעכציג, עשה איז דא אינגאנצן רמ״ח מצות עשה, וואס דאס איז קרוב להפסד. נמנו, מען האט צוזאמגעציילט, וגמרו, און מען האט גומר געווען, אז נוח לו לאדם שלא נברא, עס איז בעסער אז ער וואלט נישט באשאפן געווארן.

**נו** אבער עס קען דאך נישט זיין, דער אייבערשטער טוט נישט א זאך פאר א מענטש וואס איז נישט גוט, באשאפן א גאנצע בריאה, און א גאנצע וועלט פאר יודישע קינדער, און נאכדעם זאגט מען, אז עס איז נוח לו לאדם שלא נברא. מוז דאך זיין אז עס איז יא דא א נקודה אין טובה פון בריאת האדם, וואס דער באשעפער האט אים באשאפן.

**היינט** צופרי ווען איך בין אויפגעשטאנען, האב איך אזוי געטראכט, אז יעדע מצוה וואס א יוד איז מקיים, איז ער נישט נאר מקיים די מצוה אליין וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, נאר עס איז פארבינדן מיט נאך מצוות. די ערשטע נקודה ווען א יוד איז מקיים א מצוה, קודם גלייבט ער אז עס איז דא א בורא עולם, אז עס איז דא א באשעפער וואס האט באשאפן די וועלט, און ער האט אונז געגעבן די תורה, און ער האט אונז מצווה געווען די מצוות. אויב ער האט נישט אמונה אינעם אייבערשטען, איז דאך נישט דא קיין תורה שפעטער וואס ער זאל מקיים זיין. איז דאך ביי יעדע מצוה וואס ער איז מקיים, האט ער קודם אמונה אינעם אייבערשטען, אנכי ה' אלקיך, אז דער באשעפער האט אונז געגעבן די תורה, און ער דארף מקיים זיין די מצוות פונעם אייבערשטען.

**צווייטנס**, ער האט דאך נישט געהערט די תורה פונעם אייבערשטען אליין, ווייל אנכי ולא יהיה מפי הגבורה שמענום (מכות כג:), אונז האב מיר מקבל געווען די תורה פון משה רבינו, ווער זאגט אז משה רבינו האט איבערגעגעבן פונקטליך אלעס וואס דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אפשר האט ער מוסיף געווען, אפשר האט ער גורע געווען. אויף דעם איז דא א צווייטע מצוה אין די תורה (דברים יח-טו), אז מען איז מחויב צו פאלגן וואס א נביא זאגט, דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן, אז ווען א נביא קומט, און ער איז א נביא אמת, עס איז נתברר געווארן זיין אמיתיות נביאות, ביסטו מחויב

צו גלייבן וואס ער זאגט דיר. און ער האט אפילו א כח צו זאגן זאכן וואס איז אקעגן די תורה. עס איז דא כמה דרכים וואס לפי שעה קען ער הייסן אפילו עובר זיין אויף א דבר תורה. און כל שכן ווען מען רעדט פון משה רבינו, וואס דער אייבערשטער האט געזאגט (שמות יט-ט) וגם בך יאמינו לעולם, ווי רש"י זאגט, וגם בך, אפילו די שפעטער'דיגע דורות.

**ווען** א יוד איז מקיים א מצוה, האט ער קודם אמונה אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה. נאכדעם אז וואס משה רבינו האט אונז איבערגעגעבן, האט ער אונז איבערגעגעבן פונקטליך ווי אזוי אונז דארף מיר עס צו טון. און נאכדעם איז ער מקיים די מצוה אליין, וואס דער באשעפער האט געגעבן. יעדע מצוה וואס א יוד איז מקיים, איז ער מקיים דריי מצוות, בשעת ער מאכט די קיום המצוה. אמונת ה', אמונה אין נביאות פון משה רבינו, און נאכדעם די קיום המצוה. דאס איז ווען ער איז מקיים א מצות עשה.

**ווען** ער איז עובר אויף א לאו, ער קען זיך נישט צוריקהאלטן פון א לאו וואס איז בא לידו, האט ער נאר די עבירה אליין וואס ער האט עובר געווען. ווייל ער איז ווייטער א מאמין אינעם אייבערשטען, ער ווייסט אז עס איז א לאו, ער גלייבט אז דער באשעפער האט געזאגט אז מען טאר עס נישט טון. ער גלייבט אין נביאות פון משה רבינו אז מען טאר עס נישט טון. אבער, מען האט פריער געהערט, ער קען נישט זאגן דעם 'ניין', ער קען זיך נישט מתגבר זיין. קומט אויס, א לא תעשה איז נאר דער לאו אליין, אבער א עשה וואס א יוד איז מקיים, איז דא דריי מצות עשה ביי יעדע מצוה וואס ער איז מקיים. איז דאס נישט קיין רמ"ח מצות עשה, ווייל ווען א מענטש איז מקיים די רמ"ח מצות עשה, איז יעדע מצוה געדאפלט אין דריי, עס איז דריי מאל רמ"ח. לאוין האבן מיר נאר שס"ה, אבער עשה האבן מיר דריי מאל רמ"ח. איז דאך אפילו מען ציילט צוזאם, עס איז נמנו, איז די עשה מער ווי די לא תעשה.

**מען** דאנקט דעם אייבערשטען אויף מתן תורה, דער באשעפער האט אונז געגעבן אזא חשוב'ע תורה, און מען ווערט פרעגן, נוח לו לאדם שלא נברא, עס וואלט בעסער געווען ווען מען וואלט נישט געגעבן קיין תורה. זאגט מען בריך רחמנא, דער אייבערשטער זאל זיין געבענטשט, ווייל דיהב לן, ער האט אונז געגעבן, אוריין תליתאי, ער האט אונז געגעבן א תורה, וואס יעדע מצוה איז א תליתאי, יעדע מצוה איז דא דערין דריי מצוות וואס א יוד איז מקיים. לויט דעם חשבון איז דאך א יוד קרוב לשכר און רחוק מהפסד, איז ממילא בריך רחמנא וואס האט אונז געגעבן די תורה. דאס איז די חשיבות פון תורה.

*

**יודען** זענען אן עם תליתאי, כהנים לויים ישראלים. דער פשוטער פשט איז, אז זיי זענען איינגעטיילט אין דריי חלקים. עס איז אבער דא נאך אן עם תליתאי וואס איז נוגע צו דעם ענין וואס מען האט פריער געהערט. דער חשוב'ער רב האט פריער ארויסגעברענגט די שותפות וואס עס דארף צו זיין ווען מען איז מחנך קינדער, די שותפות וואס דארף צו זיין צווישן עלטערן מיט דעם מוסד. מען האט אזוי שיין ארויסגעברענגט די אלע נקודות, וואס ווען עלטערן זענען צוזאמען אויף איין מיינוג מיטן מוסד, צו אפילו זיי זענען נישט אויף איין מיינוג ממש, אבער על כל פנים וואס איז נוגע צו די קינדער, טוען זיי זיך אהערשטעלן, דארט וואקסן אויף ווואילע קינדער און ערליכע קינדער וואס גייען על דרכי התורה והיראה. אויב עס פעלט דער שותפות פון עלטערן מיטן מוסד מיט די קינדער צוזאמען, דארט איז א חורבן.

**האלטן** די תורה, אז די תורה זאל זיך האלטן, אונז זאל מיר קענען מחנך זיין אונזערע קינדער אפילו אין די שווערסטע זמנים וואס מען לעבט. וואס עס איז נאכנישט געווען אזעלכע שווערע נסיונות פארן כלל ישראל ווי אונז לעב מיר היינט מיט, וואס די מינדעסטע זאך, מען גייט נאר אביסל ארויס אויף די גאס, ארויס פון דעם לך בא בחדרך, אויב איך פארמאך נישט די טירן, וואו קומט מען אלץ אן. וואס מען האט זיך נישט געקענט אמאל פארשטעלן מימות קדם, אז עס זאל קענען זיין אזא מציאות אפילו. עס איז נישט געווען די מעגליכקייטן, און עס איז נישט געווען אפילו אין גאנצן לעבן, אז מען זאל קענען זעהן, וואס מען קען היינט זעהן אין איין טאג! איז אויסגעוואקסן ערליכע דורות. היינט, נאר די מוסדות התורה, די האלטן אויף ענקערע קינדער! דאס וואס מען האט היינט קינדער תלמידי חכמים מיט ערליכקייט, מען פירט ערליכע יודישע שטובער, דארף מען געדענקען דעם הכרת הטוב, עס איז דא איינער וואס האט עס אהערגעשטעלט, דאס

איז דער מוסד וואס האט צוגעברענגט פאר ענק, אז עטץ קענטס מגדל זיין אזעלכע קינדער.

**מען** האט פריער געהערט, אז דער מוסד אליין גיט היינט ארײן, נישט נאר וואס א תלמוד תורה דארף צו געבן, וואס א תלמוד תורה האט געגעבן אין אלע יארן. נאר דעם חלק פון לימוד התורה. נאר אלעס באקומט מען, דאס ביסל יודישקייט וואס מען האט, איז נאר וואס מען האט אריינגעברענגט אין די קינדער פון קליינוויז אויס. עלטערן אסאך מאל זעהן זיך קוים מיט די קינדער, משבת לשבת זעהט מען זיך נישט, און מהיכן ירק זה חי. די מאמע אליין איז אסאך מאל אויך פארטון מיט עולם הזה, פארבינדן מיט אירע זאכן, וואס מען גיט זיך נישט אפ געהעריג ארײנצולייגן אהבת תורה, ווייל מען האט נישט די צייט דערצו, און די געדולד דערצו.

**וויפיל** שטובער איז דא, מען קען ציילן אויף די פינגער, ווי א מאמע זעצט זיך אראפ מיט די קינדער צו א נאכטמאל, זיצן רוהיג, און שמועסן מיט די קינדער, און ארײנלייגן אהבת תורה ויראת שמים, אזוי ווי עס איז געווען אמאל ביי אונזערע באבעס. עס איז נישט דא די צייט דערויף, די געדולד דערויף. עס איז נאר וואס דער מוסד טוט דאס אהערשטעלן.

אונז זעמיר אן עם תליתאי, עס איז דא די עלטערן, און די קינדער, און דער מוסד. און דעמאלטס קען מען געבן די תורה. ווען אלע דריי זענען צוזאמען, דעמאלטס איז בריך רחמנא, דיהב לן אוריין תליתאי, לעם תליתאי.

**די** אלע וואס קומען זיך צוזאם, זענען דאך עלטערן פון קינדער, אלע ווילן דאך מחנך זיין קינדער אז זיי זאלן זיין לה' ולתורתו. און זיי האבן אן הכרת הטוב פארן מוסד, מען שטרענגט זיך אן כפי כוחם, און יותר מכפי כוחם, אויפצוהאלטן דעם מוסד אז עס זאל זיך קענען ווייטער פירן על דרכי התורה והיראה. עס איז אן עם תליתאי, עס איז דא א שותפות פון אלע דריי צוזאמען, איז בריך רחמנא דיהב לן אוריין תליתאי. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז מען זאל קענען זעהן שמחות און נחת ביי די קינדער און די אייניקלעך.

**והברכה** אחת פאר רבי מרדכי יונה [כהן] זאל זיין געזונט, א געטרייער מלמד פון אזויפיל יארן, א יובל יארן וואס ער לערנט שוין מיט די קינדער, מיינע אייניקלעך זענען אויך ביי אים נתחנך און נתגדל געווארן. די כוחות וואס ער לייגט ארײן, אפילו אין די עלטערע יארן, איז ממש נישט צו זעהן ערגעץ אנדערש, אז אין די יארן זאל מען נאך קענען איבערגעבן, אזוי ווי א יונגערמאן, פאר גאנץ קליינע קינדער וואס זיי דארפן האבן. און ב"ה אלע זענען געווואלדיג מצליח, די וואס זענען אדורכגעגאנגען רבי מרדכי יונה'ס כתה, זענען אלע אויסגעוואקסן שפעטער מיט א פליסיגע עברי, וואס זיי קענען דאווענען און לערנען, וואס היינט פעלט אסאך. - וואס אז מען רעדט שוין, מעג מען עס ארויסברענגען, אסאך און אסאך קינדער פלאגן זיך מיט עברי, אפילו ווען זיי קומען אין ישיבה, קענען זיי נישט געהעריג פארזאגן א שטיקל גמרא, אלעס כאפן זיי נאר אויף אויסענווייניג וואס מען האט געמרעדט. דער אייבערשטער האט געגעבן די זכיה, אז ער האט געקענט אויפשטעלן אזעלכע שיינע דורות, דער באשעפער זאל אים ווייטער אויך העלפן, ער זאל קענען מרביץ תורה זיין, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, דשנים ורננים יהיו.

**מען** שטייט דאך פאר יום טוב, עס הייבט זיך אן א פרישע התחדשות פון קבלת התורה, זאל דער אייבערשטער געבן פאר אונז אלע, מען זאל קענען מקבל זיין די תורה הק' מתוך שמחה ובטוב לבב. איך וויל באדאנקען פאר רבי חיים מאיר [פראמאוויטש, מנכ"ל המוסדות] זאל זיין געזונט, וואס ער לייגט ארײן אזויפיל כוחות אין די מוסדות, וואס ער שטעלט אלעס אהער, געלט שפילט נישט קיין ראלע, ווען עס פארלאנגט זיך עפעס וואס עס פעלט אויס פאר די טובה פון די קינדער, זכות הרבים תלו בו. זאל דער אייבערשטער געבן, מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

# בניחום אבלים על פטירת הרבנית ממעלבווירן ע"ה

עש"ק פרשת במדבר תשפ"ד לפ"ק

**בנה הרה"ג רבי אשר אנשיל אשכנזי שליט"א אב"ד חוות דעת:** ווען איז דער **שאמלויא'ער רב** געווען אין ארץ ישראל?

**רבינו:** ער איז געווען צוויי מאל. תרצ"א, און תרצ"ה.

**אב"ד חוות דעת:** ער איז געווען אין ירושלים אויך?

**רבינו:** יא. צוויי שבתים. אין יאר תרצ"ה איז מיין טאטע מיטגעפארן.

**אב"ד חוות דעת:** דער טאטע איז אריין אין מירון?

**רבינו:** יא, דער **שאמלויא'ער רב** האט געהאלטן אז מען מעג ארייננגיין.

**אב"ד חוות דעת:** איך בין אמאל געווען אין מירון, האב איך געזעהן דעם רב דארט.

**רבינו:** נישט נאר ביי רבי שמעון, נאר ער האט אים געהייסן ארייננגיין ביי אלע תנאים. אטייל האלטן אז אין מירון איז גרינגער, עס איז געבויט געווארן אזוי אז כהנים זאלן קענען ארייננגיין. ערגעץ אנדערש איז עס נישט געבויט געווארן אזוי. אבער ער האט געהאלטן אז מען קען גיין צו אלע צדיקים[א].

**אב"ד חוות דעת:** אין רוב פלעצער איז נישט דא קיין חששות פון אנדערע קברים?

**רבינו:** איך ווייס נישט. מען האט נישט געהאלטן די חששות. אויב עס איז דא חששות, קען מען נישט גיין אינדרויסן פון די ד' אמות אויך נישט.

**אב"ד חוות דעת:** עס איז דא א מימרא פונעם **בעלזער רב**, **רבי ישכר דוב**, אז ארץ ישראל איז פול מיט קברים.

**רבינו:** דער שכל זאגט אזוי. א פלאץ וואו עס זענען געווען מיליאנען מענטשען, וואו זענען די אלע קברים. כל שכן ווען מען זעהט אז עס איז דא א פלאץ פון א קבר, איז דאך א סימן אז עפעס איז געווען דארט. מען האט דאך נישט גענומען א מענטש און קובר געווען אינמיטן א פעלד. דארף דאך אויסקומען אז מען קען נישט גיין אין גאס אין ארץ ישראל, אין ירושלים. ינאי המלך האט געהאט ששים רבוא עיירות בהר המלך (גיטין נז.).

*

**רבינו:** אמאל זענען מיר געווען שכנים. עס איז שוין אסאך יארן פון דעמאלטס.

**אב"ד חוות דעת:** אונז פלעג מיר דאווענען אין סאמבאטהעלי. די בעלי בתים פון דעמאלטס, זעהט מען נישט היינט. מען איז געזעסן און געלערנט פון פינף אזייגער אינדערפרי.

**רבינו:** עס איז געווען א פול בית המדרש. פרייטאג אינדערפרי שובבי"ם איז נישט געווען קיין פלאץ וואו צו זיצן. עס איז געווען פול מיט בעלי בתים, וואס זענען געגאנגען צו די ארבעט.

**אב"ד חוות דעת:** עס איז געווען חשובע בעלי בתים, עס איז געווען זייער א חשוב בית המדרש. - איינער האט מיר נאכגעזאגט, אז **רבי הערש'לע ספינקער** האט אמאל געזאגט פאר א יוד, וואס האט זיך געוואלט אוועקציען אין א געגענט, האט ער אים געזאגט, וואו דו וועסט גיין, זאלסטו זיצן ביים דאווענען נעבן א אלטן יוד. איך מיין אז דער רב האט עס אויך געזאגט ביים ז' אדר דרשה.

**רבינו:** עס איז דא צוויי זקן'ס, זה קנה חכמה (קידושין לב:) איז אויך א זקן.ביידע זענען גוטע שכנים צום דאווענען.

**אב"ד חוות דעת:** דער **פני יהושע** זאגט, אז עס איז נאר זה קנה, עס שטייט דאך נישט וואס ער האט קונה געווען. נאר די גמרא (נדרים מא.) זאגט, אז עפעס אנדערש קען מען נישט קויפן, דא לא קני, מה קני. די גמרא דארף שוין נישט זאגען אז עס איז קנה חכמה, ווייל אז עס איז זה קנה, איז עס שוין חכמה.

**רבינו:** איך מיין אז עס שטייט, אז זה קנה איז דער טייטש, אז ער האט קונה געווען די זקנה. יעדער מענטש ביי די זקנה קומט ער צום שכל. אויב ער איז א זקן, ער האט שוין קונה געווען די זקנה אין די יוגענט.

**אב"ד חוות דעת:** מענטשען קומען מנחם אבל זיין, זאגען זיי אז די מאמע איז שוין געווען א אלטע יודענע, זאגט איך, אז עס איז פונקט פארקערט, די אבידה איז גרעסער, תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים דעתן מתוספות עליהן (שבת קנב.), קומט אויס א זקן ווען ער גייט אוועק, איז די אבידה א גרעסערע אבידה.

מיין מאמע ע"ה האט געהאט א ברכה פון רבי'ן זי"ע. ווען מיין יונגסטער ברודער [הרה"ג רבי יהושע

---

[א] עיין בגליונינו ביום ג' פרשת קדושים תשע"ו, ובמוצאי שבת פרשת וישב תשע"ח, בשיחה עם **כ"ק הגה"צ מקארלסבורג זצ"ל** אודות כניסת כהנים לציון הרשב"י במירון.

שליט"א מארה"ק] איז געבוירן, איז מיין מאמע געווען מסוכן קראנק. זי איז אדורך דריי אפעראציעס אין איין וואך, און די דאקטוירים האבן אויפגעגעבן. מיין טאטע האט געוואוינט דעמאלטס אין סאן פאולא בראזיל, האט מיין טאטע דעמאלט גערופן רבי לייבל בערקאוויטש, מיין טאטע האט אים געקענט פון טרעסיף. מיין טאטע האט געהאט א פעטער [הגה"צ רבי יואל וואליטשק'ער אשכנזי זצ"ל הי"ד], זיין טאטע'ס א ברודער, וואס איז געווען טרעסיף'ער רב. מיין טאטע פלעגט צו רעדן פון אים מיט א הפלגה יתירה. מיין טאטע פלעגט זאגען אויף אים, אז ער איז געווען א לעבעדיגער בארג סיני. ווען ער האט געזאגט קריאת שמע, האבן זיך די אדערן אפיר געקומען. מיין טאטע האט געלערנט אין ישיבת חכמי לובלין, און נאכדעם האט ער געלערנט ביי דעם פעטער, און פון דארט האט ער געקענט דעם רבי לייבל בערקאוויטש, ווייל ער האט אויך געלערנט אין טרעסיף.

און דער רבי לייבל איז אריין צום רבי'ן בשליחות פון מיין טאטע, אז מיין מאמע איז זייער נישט געזונט, און דער רבי האט געוואונטשען. און ער בלייבט שטיין, און ער גייט נישט אוועק. פרעגט דער רבי וואס איז? האט ער געזאגט, איך האב נישט וואס צו זאגען. ער האט געזאגט מיין טאטע'ס נאמען, איך האב נישט וואס אים צו זאגען. ער האט א שטוב מיט קינדער. האט דער רבי געזאגט, וואס קען איך טון. האט רבי לייבל געזאגט, דער רבי קען יא. איך קען די מעשה מיט דעם איגלער שוחט. פרעגט אים דער רבי, פון וואו ווייסטו די מעשה מיט דעם איגלער שוחט. האט רבי לייבל געענטפערט, ער האט עס מיר אליין פארציילט.

די מעשה מיטן איגלער שוחט איז, אז די משפחה פון רבי לייבל האבן געהאנדעלט אינדרעהיים מיט פירות, ער איז ארומגעפארן אין די שטעטלעך פארקויפן פרוכט. און זייער פאטער האט זיי אנגעזאגט, אז איך וועלכע שטעטל זיי קומען אן, זאלן זיי אריינגיין צום ייטב לב'ס תלמידים, עלטערע יודען, הערן פון זיי סיפורי מעשיות. זיי זענען אנגעקומען אין דעם שטעטל איגלע, און זיי האבן געהערט אז דער שוחט איז דעם קדושת יום טוב'ס א תלמיד, זענען זיי אריין צו אים. און דער שוחט האט זיי געזאגט, עטץ ווילטס הערן א מעשה, איך וועל ענק פארציילען פונעם קראלי רב [הרה"ק מסאטמאר], וואס ער לעבט, א מעשה וואס איך האב געהאט, בדידי הוה עובדא.

האט ער זיי פארציילט, אז ער האט געהאט א סטראוק, ער האט זיך נישט געקענט רירן, ער איז געלעגן אין בעט חדשים, נאר די הענט האט ער זיך געקענט רירן. איינמאל האט ער זיך צווויינט, און ער איז איינגעשלאפן, און ער האט גע'חלומ'ט, אז ער איז ביי זיין רבי דער קדושת יום טוב, און ער ליגט אין בעט. און דער קדושת יום טוב פרעגט אים, וואס איז געשעהן, האט ער אים געזאגט, דער רבי זעהט ווי אזוי איך זעה אויס. האט אים דער קדושת יום טוב געזאגט, דו ביסט שוין געווען ביי מיין זון רבי יואל'יש? און ער האט זיך אויפגעוועקט. אפאר טעג שפעטער קומט זיין זון, א בחור, און ער זאגט אים, אז ער הערט אז דער קראלי רב קומט קיין חוסט, צו ער גיט אים רשות צו פארן אויף שבת. האט ער געזאגט, אוודאי, דער קדושת יום טוב'ס א קינד. נאכדעם האט ער זיך דערמאנט פון דעם חלום, האט ער אפגעשריבן א בריוו, די מעשה מיטן חלום, און ער האט עס געגעבן פאר זיין זון, אז ער זאל עס געבן פארן רבי'ן. און ער האט אים געזאגט, דו זאלסט נישט אוועקגיין פון דארט, ווילאנג דו גייסט אריין.

מוצאי שבת איז ער אריין צום רבי'ן, און ער גיט פארן רבי'ן דעם בריוו, און דער רבי ליינט עס איינמאל און נאכאמאל, און ער וואונטשט אן. יענע נאכט וואס דער זון איז געווען ביים רבי'ן, האט דער יוד געשפירט ווי עס ציפט אים די פוס, און ער זאגט פאר זיין ווייב אז ער וויל גיין אין בית הכסא. זיין ווייב האט נישט געוואוסט וואס איז געשען, אפשר איז שוין ל"ע, ער ווייסט שוין נישט וואס ער רעדט. און זי האט אים איגנארירט. און ער מוטשעט אז ער וויל גיין אין בית הכסא, בקיצור ער איז געגאנגען אין בית הכסא. זאגט דער איגלער שוחט, עטץ זעהטס מיך, איך בין נישט קיין שוחט, אבער איך גיי און איך קום יעדן טאג אין בית המדרש, דאס איז די מעשה מיטן איגלער שוחט. – מען זעהט די השגחה פרטית אז ער האט געוואוסט די מעשה מיטן איגלער שוחט, און ער איז געווען דער שליח פון מיין טאטע. און ער האט געזאגט פארן רבי'ן, איך ווייס די מעשה מיטן איגלער שוחט. האט דער רבי געוואונטשען, איך בין מבטיח, דער רבי האט געזאגט זייער שטארקע ווערטער, זי וועט האבן אריכת ימים ושנים, און זי וועט חתונה מאכען די קינדער. – מען האט צוגעגעבן א נאמען דעמאלטס. מען האט צוזאמגענומען די גאנצע שטאט אין סאן פאולא, און מען האט געזאגט תהלים, מען האט געעפענט דעם

ארון הקודש, און מען האט צוגעגעבן א נאמען, עס איז געווען א מורא'דיגע התעוררות.

זי איז געשטאנען צום טאטען'ס האנט די גאנצע צייט. איך האב געזאגט ביי די לויה, אברהם אבינו האט געזאגט א הספד אויף שרה, ויקם אברהם מעל פני מתו (בראשית כג-ג), די תקומה וואס אברהם האט געהאט, איז געווען מעל פני מתו.

**וניחמם רבינו:** המקום ינחם אתכם וכו'.

## דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית

פרשת במדבר תשפ"ד לפ"ק

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, ווען מען האט געציילט יודען אין מדבר, יעדע שבט וויפיל זיי זענען, האט דער אייבערשטער געהייסן מען זאל ציילן במספר שמות כל זכר לגלגלותם (במדבר א-ב). וואס עס מיינט במספר שמות, איז נישט מבואר אין די מפרשים אויפן פלאץ וואס דאס מיינט. רש"י לערנט אז מען האט געציילט מיט געלט. יעדער האט געגעבן א מחצית השקל, און אזוי האט מען געציילט. אין די ראשונים שטייט, אז לויט דעם מוז מען טייטשן במספר שמות, אז יעדער האט געברענגט זיין מחצית השקל פאר משה רבינו, און ער האט דערמאנט זיין נאמען. איך הייס ראובן בן יעקב, איך הייס שמעון בן יעקב. 'במספר', מען האט פארציילט פאר משה רבינו, 'שמות', די נעמען ווי אזוי מען הייסט. עס איז דא א ענין דערין, אז בשעת מען האט זיך געציילט, זאל מען מזכיר זיין פארן רבי'ן דעם נאמען ווי אזוי מען הייסט.

**עס** איז דא וואס האלטן אז מען האט נישט געציילט מיט קיין מחצית השקל, נאר יעדער האט אויפגעשריבן זיין נאמען אויף א צעטיל, און איבערגעגעבן פאר משה רבינו דעם צעטיל מיט זיין נאמען, ווי אזוי ער הייסט. איך בין פון שבט ראובן, און מיין נאמען איז אזוי און אזוי, און מען האט נאכדעם צוזאמגעציילט די צעטליך. במספר שמות, מען האט גענומען די צעטליך וואס עס איז געווען אויפגעשריבן די נעמען, דאס האט מען אפגעציילט. מען טאר דאך נישט ציילן קיין יודען, קען מען דאך נישט ציילן, אבער פונקט ווי מען קען ציילן מטבעות, האט מען יעצט געציילט די צעטליך.

**עס** קען זיין וואס ער רופט אן במספר שמות. עס איז דא א ווארט פונעם **קאסאני'ער רב זצ"ל** אין זיין ספר **אור מלא**, אויף ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה (שמות א-א). זאגט ער, עס שטייט פון **רבי חיים וויטאל** (בשער היחודים), אז יעדער מענטש, זענען זיינע אברים אויסגעשטעלט אין צורות פון אותיות, און עס ווייזט אויף שמות פונעם אייבערשטען'ס נאמען. ער רעכנט אויס דארט, אז די אויגן מיט די נאז וואס דער מענטש האט, די צוויי אויגן זענען צוויי יו"ד'ס, די צורה פון א י'. די נאז איז א צורה פון א ו', וואס אויף דעם חלק פונעם גוף, איז דא א שם הוי"ה, י' י' ו' דאס איז זעקס און צוואנציג. און ער שרייבט שפעטער אויף די הענט און אויף די פיס, אויף אלע אברים פונעם מענטש, וואס פאר א אותיות ווערט צוזאמגעשטעלט דערפון, שמות פונעם נאמען פונעם אייבערשטען. אזוי שטייט פון רבי חיים וויטאל.

**האט** אים געפרעגט **רבי משה אסטרהיר זצ"ל**, ער איז געווען א מחותן פונעם הייליגן זידיטשויבער, א גוי האט אויך דעם זעלבן צורה ווי א יוד. וואס איז טייטש ביי א גוי אז עס איז דא שמות פונעם אייבערשטען, ער איז דאך א גוי. האט ער געענטפערט, אז עס שטייט אין **שלחן ערוך** (או"ח סימן לב סעיף לב) אז א אות פון א ספר תורה, ווערט נאר דעמאלטס גערעכנט פאר אן אות, ווען ער איז מוקף גויל, ווען עס איז דא פארמעט וואס נעמט אים ארום. יעדער אות איז אפגעטיילט איין אות פונעם צווייטן, און עס דארף זיין ארומגענומען מיט פארמעט פון אלע זייטן. טאמער איז דא א נגיעה פון איין אות צום צווייטן, עס רירט צו, איז עס פסול.

**זעהט** מען, אז א אות איז נאר ווען ער איז ארומגענומען מיט א גבול. א יוד, זענען זיינע אברים ארומגענומען מיט א גבול. ער זעהט נישט אלעס, ער הערט נישט אלעס, ער רעדט נישט אלעס, ער טוט נישט אלעס. קומט אויס אז אלע זיינע אברים

האבן אויף זיך א גבול ארום, איז עס אן אות. א גוי וואס האט נישט קיין גבולים אויף זיינע אברים, ער קען אלעס זעהן, ער קען אלעס רעדן, ער קען אלעס טון, איז עס נישט קיין אותיות, עס איז צוזאמגעקלעפט פארשידענע אותיות צוזאמען, עס האט נישט דעם דין פון קיין אות. שמות איז דא נאר אויף יודען. אזוי האט רבי משה אסטרהיר געזאגט.

**שרייבט** דער קאסאני'ער רב, 'ואלה שמות בני ישראל', יודישע קינדער זענען נישט נאר נעמען פון בני ישראל, נאר עס איז שמות (בצירי), עס איז דא א שם אויף זיי. פארוואס איז דא א שם אויף זיי, ווייל 'הבאים מצרימה', זיי קומען אין א מיצר, זיי קומען אין א גבול, אין א גרעניץ, וואס נעמט זיי ארום. א יוד האט א גרעניץ אויף יעדן אבר, וואס ער קען טון און וואס ער קען נישט טון, און אז עס איז דא א מיצר אויפן אות, איז עס א אות, און אז עס איז אן אות, איז עס א שם. ואלה שמות בני ישראל, וועגן דעם זענען זיי שמות, ווייל הבאים מצרימה, עס קומט מיט א מיצר, עס קומט מיט א גרעניץ וואס יעדער אבר איז ארומגענומען מיט גבולים.

**ווען** מען האט געציילט יודען, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, ווען דו ציילסט יודען, דו ציילסט נישט קיין גופים, בלוט און פלייש, דו ציילסט שמות, ווייל יעדער יוד האט אויף זיך שמות וואס פון דעם איז צוזאמגעשטעלט זיין גוף. ווען דו ציילסט זיי, במספר שמות, דו ציילסט שמות. פארוואס זענען זיי שמות, דער גוי האט דאך אויך די זעלבע אברים? זאגט ער, א יוד ווען דו ציילסט, ציילסטו שמות, ווייל לגלגלותם, ער האט א גלגל, ער האט א רינג, אויף יעדן אבר איז ער מוקף גבול, וואס ער מעג זעהן און וואס ער טאר נישט זעהן, וואס ער מעג רעדן און וואס ער טאר נישט רעדן, אז עס האט א גבול ארום זיך איז עס א אות, און אז עס איז א אות, איז עס א שם.

**ווען** דו ציילסט די יודען, במספר שמות, דו ציילסט שמות, ווייל כל זכר, יעדער יוד, לגלגלותם, זענען זיינע אברים ארומגענומען מיט א גלגל, מיט א רינג, וואס דאס איז דער מוקף גויל וואס איז דא פאר די אותיות.

* * *

**ווען** מען האט געציילט די בכורים, שטייט נישט די ווארט במספר שמות, נאר ושא את מספר שמותם (במדבר ג-מ), דו זאלסט ציילן זייערע נעמען. עס שטייט נישט במספר שמות, אזוי ווי עס שטייט ווען מען האט געציילט כלל ישראל.

**עס** קען זיין, רש"י ברענגט צו אין פרשת פנחס (במדבר כו-ה), אז דער אייבערשטער האט געשריבן החנוכי, הפלאי, און אזוי ווייטער, ביי אלע שבטים האט ער צוגעגעבן א יו"ד מיט א ה"א. און רש"י זאגט דערויף, שבטי י-ה עדות לישראל (תהלים קכב-ד), שהיו האומות מבזים אותם ואומרים, מה אלו מתייחסים על שבטיהם, יעדער איז זיך מתייחס לבית אבותם, פון וועלכן שבט ער איז, סבורים הם שלא שלטו המצריים באמותיהם, זיי מיינען אז מען האט נישט שולט געווען ביי זיי, אם בגופם היו מושלים, קל וחומר בנשותיהם, אז מען האט מושל געווען אויף יודען, האט מען אויף זיי אוודאי מושל געווען, לפיכך הוטל הקב"ה שמו עליהם, ה"א מצד זה ויו"ד מצד זה, יעדע משפחה האט דער אייבערשטער ארומגענומען מיט א ה"א און מיט א יו"ד, לומר מעיד אני עליהם שהם בני אבותיהם, דער באשעפער איז מעיד אויף יעדע משפחה, אז עס איז למשפחותם לבית אבותם. און אויף דעם זאגט דער פסוק, שבטי י-ה עדות לישראל, שבטי י-ה, ביי די שבטים שטייט י-ה, עס שטייט החנוכי הפלאי, א ה"א מיט א יו"ד, דאס איז עדות לישראל, דאס איז א עדות אויף די קדושה פון יודען. דער אייבערשטער האט ארויפגעלייגט זיין נאמען, א יו"ד מיט א ה"א, אויף יעדע משפחה, צו ווייזן אז עס איז א ערליכע משפחה.

**די** מפרשים זענען מסביר, אז די גמרא (סוטה יז.) זאגט, איש ואשה זכו שכינה ביניהם, ווען א יוד איז זוכה, ער פירט א ערליכע שטוב, איז דא א השראת השכינה אין די שטוב. פון וואו נעמט זיך די השראת השכינה, ווייל אין איש איז דא א יו"ד, אין אשה איז דא א ה"א, די איש ואשה ווען עס איז זכו, איז די שכינה ביניהם, דער יו"ד מיט די ה"א. לא זכו, אש אוכלתן, עס איז נישט דא די יו"ד, עס איז נישט דא די ה"א, אש אוכלתן. על כל פנים די יו"ד מיט די ה"א דאס ווייזט דאך אויף איש ואשתו. דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזן שבטי י-ה עדות לישראל, די יוד און ה"א וואס איז דא ביי איש ואשה שזכו, איז דא אויף זיי אויך.

**מען** האט געהייסן ציילן למשפחותם לבית אבותם. וועלן די מצריים זאגן, ווי אזוי ווייסט מען אז עס איז

לבית אבותם. אמותם ווייסט מען, אבער לבית אבותם ווייסט מען דאך נישט. ווי אזוי קען מען ציילן יעדן יוד, איך וועל אים צושטעלן ער איז לבית אבותם, ווי אזוי קען מען וויסן צו ער איז לבית אבותם. אם בהם שלטו, בנשותיהן על אחת כמה וכמה. האט דער אייבערשטער געזאגט, איך האב ארויפגעשטעלט מיין שם אויף יעדע משפחה, איך בין מעיד אז די אלע יודען וואס זענען דא יעצט אינעם מדבר, דאס איז אלעס שבטי י-ה. אויף יעדע משפחה וואס איז געווען אינעם מדבר, איז געווען דעם אייבערשטען'ס נאמען ארויפגעלייגט, ממילא ביסטו זיכער אז א יעדער יוד וואס דו ציילסט, ציילסטו למשפחותם לבית אבותם, ער איז נישט קיין בן מצרי.

**שאו** את ראש כל עדת בני ישראל למשפחותם לבית אבותם. ווי אזוי ווייסטו לבית אבותם, מען קען דאך זאגן אם בהם שלטו קל וחומר בנשותיהם. זאגט דער אייבערשטער, במספר שמות, דו זאלסט וויסן איך האב ארויפגעלייגט אויף זיי מיין שם, יעדער פון די משפחה האט א מספר פונעם אייבערשטען'ס נאמען, החנוכי הפלאי, ממילא קענסטו ציילן למשפחותם לבית אבותם.

*

**דער בעל הטורים** (במדבר א-ב) שטעלט זיך, פארוואס דא שטייט במספר שמות, און שפעטער אין פרשת פנחס האט מען נאכאמאל געציילט יודען, און דארט ווערט נישט דערמאנט מען זאל ציילן במספר שמות. ווי מען האט יעצט גערעדט, ווען מען האט געציילט יודען האט מען דאך געדארפט וויסן צו עס איז טאקע לבית אבותם צו נישט. אפשר איז עס נישט לבית אבותם, אפשר איז דער פאטער געווען א מצרי. האט די תורה געמוזט זאגן במספר שמות, דו זאלסט וויסן איך האב ארויפגעשטעלט מיינע שמות אויף זיי, אלע זענען אינעם כלל ישראל. אין פרשת פנחס האט דער אייבערשטער געזאגט החנוכי הפלאי, דארף מען דאך שוין נישט זאגן במספר שמות, אז עס איז דא שמות אויף זיי, ווייל דארט איז דאך אויסגערעכנט ממש דער שם, אויף יעדע משפחה איז דא דער שם פונעם אייבערשטען, איז נישט וויכטיג געווען דארט צו שרייבן במספר שמות.

*

**ווען** מען האט געציילט די בכורים, שטייט אויך נישט במספר שמות, אז דער אייבערשטער איז מעיד דעם שם אז זיי זענען ערליך, ווייל אויף דעם האט מען נישט געדארפט האבן דעם שם. די בכורים וואס זענען געווען אינעם מדבר, האט מען געוואוסט אז אלע זענען ערליך. פארוואס? ווייל די בכורים פון די מצריים זענען דאך אלע געשטארבן ביי מכות בכורות, איז לו יהא עס וואלט געווען דארט איינער וואס איז א בכור פון א מצרי וואלט ער דאך געשטארבן, ער איז דאך נישט ארויסגעגאנגען פון מצרים, אויב ער איז א בכור מצרי. קומט אויס אלע בכורים וואס זענען געווען אינעם מדבר, האט מען געוואוסט זיכער, אן די שמות, אז זיי זענען ערליך. איז דארט מוז ער נישט צוגעבן במספר שמות, ווייל כי לי כל בכור, בשעת מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים, האט שוין דער אייבערשטער אפגעטיילט די בכורים פון די מצרים, פון די בכורים פון יודען, איז ממילא ביי די בכורים שטייט נאר ושא את מספר שמותם, זייערע נעמען דארף מען ציילן, אבער במספר שמות האט מען נישט צוגעגעבן, אז עס איז דא די שמות פונעם אייבערשטען אויף יעדע משפחה, ווייל דאס האט נישט אויסגעפעלט פאר די בכורים, ווייל זיי האט מען שוין געוואוסט פון יציאת מצרים אן, אז מען האט זיך געפירט ערליך.

* * *

**עס** שטייט אין די גמרא (מגילה לא:), אז פאר שבועות ליינט מען די פרשה פון בחוקותי, און פאר ראש השנה ליינט מען די פרשה פון כי תבוא, איןביידע שטייט אויסגערעכנט די תוכחה, די ברכות מיט די קללות. זאגט די גמרא, אז דער טעם דערפון איז, וועגן תכלה שנה וקללותיה, דעם סוף פון די יאר וויל מען ענדיגן דערמיט אויף די קללות, ממילא ביי דער סוף פונעם יאר, פרשת כי תבוא געפאלט אייביג פאר ראש השנה, עס איז תכלה שנה, ענדיגט מען די קללות, עס זאל זיך אנהייבן א יאר פון ברכות. פרעגט די גמרא, דאס איז גוט ביי ראש השנה, וואס טוט זיך ביי שבועות, פארוואס ליינט מען בחקותי פאר שבועות? זאגט די גמרא, ווייל עצרת נמי ראש השנה היא, עצרת איז אויך א ראש השנה, עס איז ראש השנה לפירות האילן, מען איז דן דעמאלטס אויף פירות האילן, וויל מען עס זאל זיין תכלה שנה וקללותיה, ליינט מען די פרשה פון בחוקותי פאר דעם.

**תוספות** שטעלט זיך, אז אונז געב מיר צו נאך א פרשה. פאר שבועות גיט מען צו פרשת במדבר, און

נאך פרשת כי תבוא איז דא פרשת נצבים וואס איז אייביג פאר ראש השנה. מען זאגט דאך אז תכלה שנה וקללותיה? זאגט תוספות, עס הייסט אויך תכלה שנה וקללותיה, מען האט נישט געוואלט אריינגיין ממש פון די קללות גראד אין דעם יום טוב, מען האט אויך געוואלט מאכן א הפסק ביי דעם תכלה שנה, האט מען אריינגעלייגט א פרשה פון במדבר, און א פרשה פון נצבים, עס זאל זיין תכלה שנה וקללותיה, אבער מיט א הפסק צו ראש השנה.

**עס** קען אפשר זיין, אז מען ליינט די פרשה פון בחקותי, אז עס זאל זיין תכלה שנה וקללותיה. נאך די פרשה פון די תוכחה האט דער אייבערשטער געזאגט די פרשה פון ערכין, דאס איז טייטש, אז אזוי ווי מען דארף האבן א הפסק פאר מתן תורה פון תכלה שנה וקללותיה. דער הפסק הייבט זיך נישט אן אין פרשת במדבר, עס איז שוין דא א הפסק פון פרשת בחקותי מיט די פרשה פון ערכין. - פארוואס האט דער אייבערשטער אויסגעקליבן פונקט די פרשה פון ערכין, דאס האט מען אריינגעשטעלט פאר מתן תורה, אז מען זאל דאס ליינען פאר מתן תורה. נאכן תכלה שנה וקללותיה, זאל מען ליינען די פרשה פון ערכין.

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין א חיזוק. מען גייט מקבל זיין די תורה, א מענטש קען אמאל טראכטן, ער איז אזוי ווייט פון תורה. ער וואלט געוואלט זיין נאנט, און ער וואלט געוואלט מקבל זיין די תורה, אבער יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום (קידושין ל.), ער האט נישט די כוחות הנפש, מען פאלט אדורך דא, מען פאלט אדורך דארט, און אסאך מאל ווערט מען צובראכן ביי זיך, אז מען קומט אריין צו מתן תורה ווי א יון וואס פאלט אריין אין די סוכה. ער איז נישט דערביי, ער איז נישט דארט. און מען קען אמאל טראכטן ביי זיך, מתן תורה האט נישט קיין שייכות מיט אים, אין זיין מצב וואס ער איז.

**מען** זעהט אבער ביי די פרשה פון ערכין, אז די תורה האט געשטעלט אן ערך אויף יעדן יוד. יעדער יוד איז עפעס ווערד, נישט קיין נפקא מינה צו ער איז א ערליכער, צו ער איז נישט ערליך, אפילו רשעים וואס זענען קרויים מתים (ברכות יח:), פון דעסטוועגן דאך ווען איינער זאגט אויף א רשע ערכו עלי, צו דער רשע אליין נעמט אויף זיך ערכי עלי, זאגט מען נישט, ער איז גארנישט ווערד, און מען דארף גארנישט געבן, עס איז נאר געזאגט געווארן פאר ערליכע יודען. יעדער יוד האט אן ערך! אפילו א רשע, אפילו אין וואס פאר א מצב ער איז, אז ער איז אין כלל ישראל, האט ער אן ערך! איי ער האט דאך נישט קיין ערך, ער איז דאך גארנישט ווערד יעצט, אבער מארגן וועט ער זיין ווערד. נישט יעדע זאך רעכנט מען וואס איז ווערד היינט, עס איז דא זאכן וואס היינט איז ער נישט ווערד, אבער מארגן וועט ער ווערד זיין. מען געפונט ביי שמחת בית השואבה, וואס יעדער האט געטאנצט, עס זענען געווען צדיקים ואנשי מעשה וואס האבן געזאגט, אשרי ילדותינו שלא ביישה את זקנתינו (סוכה נג.), ער האט זיך שטענדיג אויפגעפירט ערליך, פון די ימי הילדות. און נאכדעם איז דא וואס האבן געזאגט, אשרי זקנתנו שכיפרה על ילדותנו, ילדותנו איז נישט געווען ווי עס דארף צו זיין, אבער זקנתנו, מען איז געקומען צום שכל, און מען האט אנגעהויבן דינען דעם אייבערשטען, קען מען אלעס מתקן זיין שטענדיג.

**נאכדעם** וואס מען ענדיגט דעם תכלה שנה וקללותיה, און מען וויל צוגיין צו מתן תורה, כדי צו געבן חיזוק, אז יעדער יוד איז ראוי ער זאל מקבל זיין די תורה. האט די תורה געגעבן די פרשה פון ערכין, דו זאלסט וויסן אז יעדער יוד האט אן ערך, יעדער יוד קען מען אים נישט אפשאצן וויפיל ער איז ווערד, אבער אן ערך האט ער, ממילא קען יעדער יוד צוגיין צו מתן תורה. ויגבה לבו בדרכי ה', איך האב א ערך, אפשר נישט מיט מיין עבר, אבער איך האב א ערך מיט מיין עתיד פון שפעטער.

*

**און** עס גייט נאך מער, די ערך וואס די תורה האט געגעבן, האט די תורה געגעבן דעם זעלבן ערך פארן גרעסטן צדיק און דעם שוואכסטען יוד, ביידע האבן דעם זעלבן ערך. לכאורה וואלט מיר אונז פארשטאנען מיטן שכל, אז מען זאגט וויפיל דער מענטש איז ווערט, זאל מען אפשאצן זיין רוחניות וואו ער האלט, און פאר א צדיק זאל זיין דער ערך א העכערער סארט ערך, וויפיל די ערך פון א פשוטן יוד איז. די תורה זאגט נישט אזוי, די תורה זאגט, יעדער יוד האט ביי מיר דעם זעלבן ערך, דער פשוטער יוד, מיט דעם צדיק, איז ביים אייבערשטען איינין, אין א געוויסע נקודה, און דער ערך פון ביידע איז די זעלבע.

**מען** געפונט אין די גמרא (פסחים כה:), אז יעדע עבירה, טאמער איז דא א ענין פון פיקוח נפש, איז די הלכה אז ער מעג עובר זיין די עבירה. ער מעג מחלל שבת זיין, עס איז פיקוח נפש. יעדע עבירה קען מען עובר זיין, ווען עס איז נוגע צו פיקוח נפש, וחי בהם (ויקרא יח-ה) ולא שימות בהם (יומא פה:), די תורה איז אונז געגעבן צום לעבן. טאמער עס איז נוגע צו שטארבן, איז די הלכה מעג ער עובר זיין אויף כל מצות שבתורה. אויסער דריי עבירות פון די תורה וואס עס איז יהרג ואל יעבור. אפילו עס איז נוגע צו דיין לעבן, טארסטו נישט עובר זיין די עבירה, אפילו דו ווערסט מוזן שטארבן. די דריי עבירות זענען, עבודה זרה, גילוי עריות, שפיכת דמים. עבודה זרה איז א פסוק אין די תורה, אז מען דארף האבן מסירת נפש. מען זאגט יעדן טאג אין קריאת שמע, ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך (דברים ו-ה). ובכל נפשך, אפילו נוטל את נפשך. אלע מצוות איז וחי בהם, אבער ואהבת את ה' אלקיך, וואס איז נוגע צו עבודה זרה, ובכל נפשך, דארף מען אוועקגעבן דאס לעבן.

**גילוי** עריות און שפיכת דמים איז נישט דא קיין פסוק אז מען איז מחויב זיך צו לאזן הרג'נען אויף די צוויי מצוות. די גמרא זאגט, אז עס איז א סברא, פון שכל לערן איך אראפ אז מען איז מחויב זיך מוסר נפש זיין. שפיכת דמים, מען זאגט פאר א יוד, הרג'ע דעם צווייטן יוד, אז נישט וועל איך דיך הרג'נען. איז די הלכה, אז ער דארף זיך לאזן הרג'נען, און נישט הרג'נען יענעם. איי וחי בהם ולא שימות בהם. אויף לא תרצח זאל איך אויך זאגן וחי בהם, ולא שימות בהם. זאגט מען ניין. ווייל פארוואס האט די תורה געזאגט אז מען קען עובר זיין אויף אלע עבירות, כדי אז דער מענטש זאל לעבן, ביים אייבערשטען איז חשוב דאס לעבן פון א מענטש. ממילא ביי א מצוה, איז דער מענטש ביי מיר חשוב'ער ווי די מצוה. אבער ווען מען הייסט יענעם הרג'נען א יוד, גייט דאך א נפש יעצט נאבד ווערן, מען גייט דאך אים הרג'נען. און אז דו ווערסט עס טון, וועט נאבד ווערן א נפש מיט אן עבירה צוזאמען. עס וועט געשעהן צוויי זאכן. איז די סברא, דו זאלסט נישט הרג'נען. איי מען וועט דיך הרג'נען, מען וועט דאך ממילא הרג'נען איין יוד, אדער מיך אדער דיך, אבער אז מען וועט דיך הרג'ענען, וועט מען נישט עובר זיין קיין עבירה. איי ווערסטו זאגן, אפשר איז מיין לעבן חשוב'ער. אויף דעם זאגט מען, מאי חזית דדמא דידך סומך טפי מחברך, פארוואס טראכסטו אז דיין בלוט איז חשוב'ער פון יענעם. א מענטש קען נישט שאצן ווועמענס לעבן איז חשוב'ער. איך קען נישט זאגן ער זאל מעגן הרג'נען, כדי איך זאל קענען מציל זיין מיין נפש, ווער זאגט אז דיין נפש איז חשוב'ער פון יענעמ'ס. קומט אויס, אויף דעם דארף מען נישט קיין פסוק, דער שכל זאגט, אז מען דארף האבן מסירת נפש. - גילוי עריות, איז דא א היקש לרציחה, ורצחו נפש (דברים כב-כז), ממילא איז דארט אויך די הלכה פון יהרג ואל יעבור.

**עס** שטייט פון הייליגן **רבי ר' בונם פון פרשיסחא זי"ע**, האט ער געזאגט, די גמרא זאגט דאך, אז ווען מען הייסט הרג'נען דעם חבר, דארף מען זיך לאזן הרג'נען און נישט הרג'נען דעם חבר, מאי חזית דדמא דידך סומך טפי. אז מען הייסט פאר משה רבינו, דער גרעסטער פון כלל ישראל, אז ער זאל הרג'נען א יוד, אז נישט וועט מען אים הרג'נען, איז משה רבינו מחויב זיך מוסר נפש זיין, הרג'ע מיך און נישט הרג'נען יענעם. פארוואס? ווייל מאי חזית דדמא דידך סומך טפי, מיט וואס איז דיין בלוט רויטער פון יענעם. איי איך בין משה רבינו, און ער איז א פשוטער יוד, איך בין אסאך מער ווערד ווי א פשוטער יוד. איז א סימן, זאגט דער הייליגער רבי ר' בונם, אז ביים אייבערשטען איז עס נישט אזוי געמאסטן. א מענטש קען זיין זייער חשוב אויף די וועלט, דו ווייסט נישט ווי חשוב יענער איז! קען זיין לפי ראות העין איז ער נישט חשוב, אבער אינעם אייבערשטען'ס אויגן קען זיין אז ער האט אמאל געטון א דבר מצוה, ער האט אמאל געטון א זאך, וואס איז אים אזוי שווער אנגעקומען. ווייל ער איז טאקע אזוי נידריג, איז ביי אים אפילו א קלייניגקייט וואס ער טוט, זייער חשוב ביים אייבערשטען. אל תהי בז לכל אדם (אבות ד-ג), עס קען זיין אז ביים אייבערשטען איז יענעמ'ס נפש חשוב'ער ווי דער נפש פונעם גרעסטן צדיק.

**קומט** אויס, ביי ערכין האט די תורה געזאגט, דו זאלסט וויסן, יעדער יוד האט די זעלבע ערך. דו זאלסט נישט מאכן קיין חילוק צווישן דעם ערך פון א צדיק, צו זאגן אז ער איז מער ווערט, און די ערך פון א פשוטן יוד איז ווייניגער. ביים אייבערשטען זענען אלע די זעלבע. קומט אויס, אז די פרשה פון ערכין לערנט אונז צוויי זאכן, איינס לערנט עס אונז, אז יעדער יוד האט אן ערך. און עס לערנט אונז, אז

דער ערך פון א פשוטן יוד איז ביים אייבערשטען אזוי חשוב ווי דער ערך פון דעם צדיק, עס איז די זעלבע ערך פאר יעדן סארט יוד.

**און** דאס ליינט מען פאר מתן תורה. וויסן אז יעדער יוד האט אן ערך, יעדער יוד קען זיך מקרב זיין צום אייבערשטען. עס איז א זמן פון קבלת התורה, נישט קוקן אויף וואס עס איז געווען נעכטן, זיי נישט פארנומען מיטן עבר, מען דארף זיין פארנומען אייביג מיטן עתיד, וואס קען איך מיך פארבעסערן, וואס קען איך מיך צושטעלן מער צו קבלת התורה. און אפילו מיין קבלת התורה ביז יעצט איז נישט געווען ברום המעלה, די התחדשות וואס יעדער יוד דארף מחדש זיין, א פרישע קבלת התורה. ביום הזה באו מדבר סיני (שמות יט-א), ביום הזה, כאילו היום ניתנה, אזוי ווי היינט איז מען אנגעקומען אויף מדבר סיני, און היינט גייען מיר מקבל זיין די תורה פון ניי.

**זאל** דער באשעפער העלפן, מען זאל זיך קענען צוגרייטן צו מתן תורה ווי עס דארף צו זיין, מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב. די אלע ברכות התורה זאלן אונז באגלייטן, מיט אלעם וואס מען דארף האבן, און מען זאל זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

קול מעדני מלך וויען – 718.400.7710 • MechonMMVien@Gmail.com
הרוצה לנדב הוצאת הגליון יפנה להר"ר יואל ברא"ש פייערווערקער הי"ו 347.425.2151